# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת דברים חזון תשפ"ה / גליון קמ"ג


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (בשלח)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | תשעה באב |
| שני | וכתיב בשלמה המלך |
| שלישי | והנה כל העולם כולו |
| רביעי | וזהו עיקר שידע האדם |
| חמישי | והנה כתיב רפאות תהיה עד ד"ה והנה קלקול |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אייראפע
033.0551.7811

כל המתאבל על ירושלים

הוק-אופ תשעה באב

אויף נומער 33


## חסיד'יש געדערט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# איך קען דאס נישט צוקוקן

### ער איז פשוט נישט אומשטאנד אויסצוהאלטן אונזער ווייטאג, דערפאר דרייט ער זיך אוועק און באהאלט זיך ערגעצוואו, און לאזט שלאגן דער וואס וויל שלאגן

"איך קען דיר נישט פארשטיין, דו ביסט פשוט מפקיר דיין אייניקל?" - האט דער מגיד שיעור ר' זאנוויל זיך געווענדן צום מנהל ר' בנציון - וועלכער האט זיך געדרייט אין הויף פון דער ישיבה, אין דער צייט וואס אינעם אפיס זיצן יעצט די 'חברי הנהלה רוחנית' און זענען דן איבער איציק'ל, דעם מנהל'ס אייניקל, וועלכער שאפט כסדר גרויסע איבערקערענישן אין זיין כיתה... די גאנצע שטאב האט זיך צוזאמענגענומען איבערצוקלערן וויאזוי מען זאל דא האנדלען ווייטער.

ר' זאנוויל איז אויסער זיך פון וואונדער, וויאזוי דער אדמיניסטראטאר ר' בנציון איז גרייט מפקיר צו זיין א פליישיגער אייניקל זיינס, "דו ווייסט דאך אז זיי וועלן אים באשטראפן מיטן הארבסטן, ווי קענסטו אנטלויפן אין אזא צייט?".

דער פארוויייטאגטער ר' בנציון, רופט זיך אן - ווען טרערן נעמען זיך גיסן פון זיינע אויגן: "וואס קען איך טון? איך קען נישט! איך בין נישט אומשטאנד אויסצוהאלטן דעם ווייטאג! איך ווייס, אז סייווי וועל איך גארנישט אויפטון דארט ביי דער אסיפה, און סייווי וועט מען אנקומען צו דער זעלבער החלטה אים צו באשטראפן מיטן ערגסטן, נו, כאטש זאל איך נישט דארט זיין בשעת מעשה! איך האב נישט קיין כח דאס מיטצוהאלטן!".

## ער אליינס שלאגט נישט

דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב זי"ע (על מגילת איכה), עפנט אויף א נייעם אור, וועלכע שענקט אונז א ליכטיגן בליק וויאזוי אנצוקוקן די אלע שווערע גזירות וועלכע זענען אריבערגעגאנגען אויף אידישע קינדער דורכאויס אלע דורות.

דער פסוק זאגט: "מזמור לאסף אלקים באו גוים בנחלתך" - א געזאנג פון אסף, רבונו של עולם, די גוים זענען אריינגעקומען אין דיין 'ארבטייל', דאס מיינט, 'כנסת ישראל' וועלכע איז דעם אויבערשטנ'ס נחלה. פרעגן די חז"ל, וואס איז דער געזאנג דא?! דאס אז גוים זענען אריין אין בית המקדש, איז עפעס וועלכע מען קען באזינגען?! חז"ל פארענטפערן פארשידענע תירוצים, און דער 'קדושת לוי' לייגט צו נאך א ליכטיגן תירוץ:

**"וִיבוֹאַר עַל פִּי מָשָׁל, לְמֶלֶךְ שֶׁבְּנוֹ טִנֵּף פַּלְטִין שֶׁבָּנָה לוֹ, וְלֹא רָצָה הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ לַחְרוֹב הַפַּלְטִין שֶׁל בְּנוֹ מֵחֲמַת צַעַר הַבֵּן, מַה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ סִלֵּק הַשְׁגָּחָתוֹ מִמֶּנּוּ וּבָאוּ הָאוֹיְבִים וְהֶחֱרִיבוּ, וְנִמְצָא מִזֶּה שֶׁלֹּא חָרַב הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ הַפַּלְטִין שֶׁבָּנָה, נִכָּר אַהֲבַת הַמֶּלֶךְ עֲדַיִן עַל בְּנוֹ"**. דאס קינד שפירט זיך אינגאנצן פארלוירן. ער זעט פלוצלינג אז דער טאטע איז פארשוואונדן געווארן פונעם האריזאנט. די שונאים נעמען איבער קאנטראל, און ער פילט פשוט אז זיין טאטע האט אים פיינט און דערפאר האט ער אים מפקיר געווען. אבער דער אמת איז אינגאנצן פארקערט, דוקא צוליב דעם וואס זיין טאטע האט אים אזוי שטארק ליב - דערפאר איז ער פארשוואונדן געווארן! קומט אויס, דער 'הסתר פנים' - אט דאס איז גאר דער אויסדרוק פון גרויס 'אהבה'.

**"אֲבָל עַל חָרְבוֹת הַגּוֹיִם נֶאֱמַר 'פּוּרָה דָרַכְתִּי לְבַדִּי', שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ יִדְרֹךְ פּוּרָה שֶׁלּוֹ לְהַחֲרִיב הַגּוֹיִם. וְזֶהוּ 'מִזְמוֹר לְאָסָף אֱלֹקִים בָּאוּ גוֹיִם בְּנַחֲלָתֶךָ'"**. ווען דער אויבערשטער באשטראפט די גוים, איז ער בכלל נישט באהאלטן ערגעצוואו... דארט איז ער דא מיטן גאנצן שטארקייט און אפנקייט. מיר האבן געזען וויאזוי עס האט אויסגעזען א 'יציאת מצרים' און א 'קריעת ים סוף', ווי דער אויבערשטער האט זיך אנטפלעקט מיטן גרעסטן גילוי! ער האט איינגעשפאנט די גאנצע בריאה, כדי צו טיילן פעטש פאר די גוים וועלכע האבן געפייניגט זיינע קינדער. דעמאלט איז נישט געווען קיין שום 'הסתר פנים'. אבער ווען עס קומט צו באשטראפן זיינע אייגענע קינדער - דארט ווערט ער פלוצלינג פארשוואונדן, ער באהאלט זיך ערגעצוואו און ער לאזט כביכול אז אנדערע זאלן טיילן די פעטש, ווייל ער קען דאס נישט צוקוקן.

## דער 'הסתר' שטאמט פון 'אהבה'

דער גלות בכלליות, און בפרט די שווערע צייטן ווען אידן האבן זיך צוזאמגעליטן צרות צרורות, אזויווי ביים 'חורבן הבית', אדער - א דוגמא וועלכע איז נענטער צו אונז - ביי דער צווייטער וועלט מלחמה, וואו מען האט אומגעברענגט מיליאנען אידן, זיי געפייניגט און אויסגעהונגערט און פארגאזט. דאס זענען זמנים ווען עס איז געווען דער ריכטיגער "באו גוים בנחלתך". עס קומען זיך אן נידריגע אוממענטשן, וואס פון גרויס נידריגקייט וואלטן זיי ווען געדארפט זיין די קנעכט פון די קנעכט פון אידישע קינדער, און זיי ווערן גאר די הערשער איבער אונז און טוען מיט אונז וואס זיי ווילן?

און דער איד שרייט: טאטע זיסער, פארוואס? דו ווילסט מיר מחנך זיין און מיר געבן פעטש, איך בין מסכים, אבער זאל עס כאטש קומען דירעקט פון דיין ליבליכע האנט! פארוואס שיקסטו מיר דא אריין אזעלכע קאלטבלוטיגע סאדיסטן? פארוואס טיטוס הרשע? פארוואס אזעלכע שמוציגע און נידריגע נאציס? די אלע פאסירונגען דרוקן אויס א שרעקליכן 'הסתר פנים'! עס שרייט זיך אויס מיט קולי קולות 'איה אלקיך'. עס קוקט אויס כאילו עס איז הפקר א וועלט, און כאילו כלל ישראל איז הפקר פעטרישקע. און דאס ערגסטע, עס זעט אויס ווי עס גייט נישט אן פארן אויבערשטן די גאנצע זאך, ער האט אונז אפגעלאזט, ער וויל אונז נישט און האט אונז נישט ליב מער חס וחלילה.

קומט דער הייליגער בארדיטשוב'ער צדיק, און זאגט: ניין, פונקט פארקערט! אט דאס וואס דער אויבערשטער פאטשט נישט מיט זיין אייגענעם האנט, נאר ער שיקט אונטער גוים, אט דאס וואס ער באהאלט זיך און מאכט זיך נישט וואוסנדיג פונעם מצב - אט דאס שרייט ארויס די גרעסטע אהבה! ווייל דו זעסט דאך, אז ווען דער אויבערשטער וויל - קען ער אליינס פאטשן! ווען עס קומט צו די גוים, באשטראפט ער זיי אליינס 'אני ולא מלאך'. אלא מאי, אז ווען ער דארף 'אונז' באשטראפן איז ער פשוט נישט אומשטאנד כביכול אויסצוהאלטן אונזער ווייטאג! דערפאר וויל ער נישט פאטשן מיט בלויזע הענט, נאר ער דרייט זיך אוועק און באהאלט זיך ערגעצוואו, און לאזט שלאגן דער וואס וויל שלאגן.

דאס איז א נייע און הערליכע בליק אויפן הסתר פנים וועלכע איז געווען ביי די שווערע גזירות. אויב קוקט מען עס געוועגליך אן ווי א מורא'דיגע 'הסתר פנים', האבן מיר יעצט א נייע וועג וויאזוי דאס אנצוקוקן ווי א מורא'דיגע 'ליבשאפט' - וועלכע ליגט באהאלטן אין אט דעם 'הסתר פנים'. דוקא ווייבאלד דער אויבערשטער האט נישט געוואלט אליינס מצער זיין זיינע ליבע קינדערלעך, האט ער זיך באהאלטן ערגעצוואו און נישט געוואלט צוקוקן און מיטהאלטן.

זעבלסט פארשטענדליך, אז דער אויבערשטער איז נישט קיין 'גשמי' חס ושלום, און ער קען טון צוויי קעגנזייטיגע זאכן. אויך בשעת ווען ער באהאלט זיך און ווערט פארשוואונדן פונעם

> דעריבער קענען מיר זיך שפירן ארומגענומען מיטן אויבערשטן און מיט זיין אהבה - אפילו אין די שווערסטע רגעים בשעת ווען דער בית המקדש ברענט

המשך אין עמוד ב

# אבילות אויפן חורבן

## וויאזוי קען מען ערוועקן די הרגשים, צו מתאבל זיין אויף ירושלים? • און פארוואס נאך חצות שטעלט מען זיך שוין אויף? • 'עבודת היום' פון תשעה באב

**אברהם יצחק:** כ'וואלט געוואלט רעדן וועגן תשעה באב, ס'קען זיין אז ס'איז נישט פאסיג צו רעדן ערב שבת וועגן תשעה באב - שבת איז 'שבת'! אבער ס'ברענט מיר די שאלה, כ'וויל וויסן וואס איז די עבודת היום פון תשעה באב?

**משפיע:** וואס מיינסטו 'עבודת היום'? מ'פאסט, מ'זאגט קינות, מ'באוויינט דעם חורבן. וואס מיינסטו צו פרעגן?

**אברהם יצחק:** כ'ווייס אז 'מ'דארף' וויינען, אבער ס'גייט מיר נישט צו וויינען. וויאזוי וועקט מען אויף די געפילן, אנצוקומען צו וויינען?

**משפיע:** מיר באוויינען דאס אז מיר האבן נישט קיין בית המקדש און גילוי שכינה, און נישט נאר דאס, נאר חז"ל זענען הויכע מושגים, וואס פון גרויס דערהויבנקייט קען מען זיי נישט געהעריג דערהערן, אבער דערפאר איז כדאי צו האבן א לעבעדיגע ביישפיל דערפון, וואס כאטש ס'איז נאך ווייט פונדעם נמשל, אבער פארט וועט עס אונז געבן א שטיקל געפיל דערין.

> נאכן כאפן די 'בלאטע' אין וואס מ'איז אריינגעפאלן און ווי קאמפליצירט ס'איז. דערביי ערוועקן זיך שטארקע געגועים נאך די גוטע צייטן

לאמיר זיך פארשטעלן ווי א בחור זיצט אין ישיבה און ער טוט נישט צו דער זאך, ער בטל'ט די צייט און שטערט אויך אנדערע, ער לייגט זיין קאפ אין שטותים, וואס געהערן נישט צו א בחור א בן תורה... ביז איין טאג רופט אים דער משגיח אריין אין צימער און שטעלט אים אויפן פלאץ, ער מעלדט אים אז ער קען נישט ממשיך זיין אין ישיבה אויף אזא וועג. דער בחור האט אבער נישט ערנסט אנגענומען זיינע ווערטער, ער האט געזען דער משגיח'ס ווערטער אלס סתם ווארענונגען, און איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיינע מעשים. דער משגיח האט אים ווידעראמאל אנגעווארנט, ביז ס'איז אנגעקומען די מינוט און דער בחור איז געווארן ארויסגעווארפן פון ישיבה...

**אברהם יצחק:** אה... און וואס איז יעצט?

**משפיע:** יעצט שטעלן מיר זיך אפ צו באטראכטן דעם בחור'ס רעאקציע. ס'איז דא אזא איינער וואס 'כאפט' נישט וואס מ'וויל פון אים, און דערפאר לייגט ער די שולד אויפן משגיח, אויפן מגיד שיעור, אויף זיינע עלטערן און אויף ווער נישט... ער נעמט זיך נישט אין די האנט אריין, נאר ער פאלט נאך מער. זיין מצב ווערט ערגער פון טאג צו טאג.

אבער ס'איז דא אן אנדערער, וואס ענדליך נאך אזא דורכגאנג, כאפט אז ער האט געמאכט א טעות, ס'געבט אים א בליץ אויף אז 'אים מיינט מען', און אז ער האט זיך יעצט געטראפן אין א גרוב וואס ער האט זיך אליינס אויסגעגראבן, ער איז אינגאנצן פארצווייפלט... מיט אזא בחור קען מען ארבעטן. וואס האלטסטו טוט אזא בחור? וואס טראכט ער יעצט?

**אברהם יצחק:** ער טראכט 'וואס זאל איך טון?' 'וואס קען איך יעצט טון'? וויאזוי קען איך צוריקדרייען דעם זייגער? 'וויאזוי' האב איך ביז יעצט נישט געכאפט אז דאס גייט פאסירן? 'וויאזוי' האב איך נישט פארשטאנען וואס מ'האט מיר אזוי קלאר אנגעזאגט?

**משפיע:** גוט, און יעצט לאמיר איבערזעצן די אלע מחשבות אין די לשון פונעם נביא - "איכה ישבה בדד? העיר רבתי עם"... "איכה יועם זהב ישנא הכתם הטוב, תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות"...

**אברהם יצחק:** לאמיר צוריקגיין צום משל; דער בחור'ס קאפ איז אינגאנצן פארנומען צו טראכטן 'וויאזוי קען איך צוריקגיין אין ישיבה?' וויאזוי קען איך פאררעכטן מיין קשר און 'צוטרוי'ביים משגיח און די צוות הישיבה? וויאזוי קען איך זיי מפייס זיין אויף אלע עוולות וואס כ'האב זיי געטון? וויאזוי מאך איז אז זיי זאלן זיין איבערציייגט אז כ'מיין עס ערנסט?

**משפיע:** יעצט טוען מיר ריכטיג פארשטיין וואס דאס ווארט 'איכה' מיינט - אזויווי ס'ווערט געברענגט אין פארשידענע מדרשים, אז דער סוד פון דעם גאנצע גלות ליגט אין דאס ווארט 'איכה' - וואס דאס מיינט אז א מענטש טרעפט זיך אין א טיפע גרוב, ער באוויינט זיך וויאזוי בין איך דא אריינגעפאלן און אנגעקומען צו אזא מצב, און זיין הארץ ווערט פול מיט טיפע חרטה-געפילן וואס ברענגט אים צו טראכטן, 'וויאזוי דערזעה איך זיך ארויס פון דעם 'לאך' אין וואס כ'בין אריינגעפאלן'...

## נאך די הכרה, קומט געגועים

**אברהם יצחק:** און וואס איז יעצט? וואס איז ווייטער געשען אין די מעשה?

**משפיע:** די המשך איז מחשבות פון תפילות און בקשות פון 'השיבנו', און טאקע אזוי ענדיגט זיך מגילת איכה, 'השיבנו ה' אליך ונשובה'. אזויווי אין דעם משל, ווי דער בחור פארשטייט אז כדי צו קענען צוריקקומען אין ישיבה, וועט ער דארפן צוריק אופבויען דעם קשר, ער האפט און קוקט ארויס דערויף מיטן זיין גאנצע הארץ, וועל איך קענען בויען א צוטרוי צו מיר, וועל איך נאך זוכה זיין צוריק ארויפצוגיין אויף די ריכטיגע רעלסן אזויווי אמאל?

**אברהם יצחק:** אויב אזוי קומט אויס, אז תשעה באב איז בעצם א טאג פון 'תשובה'.

**משפיע:** ניין, געפילן פון תשובה זענען א 'תוצאה', נאכדעם וואס מ'דערהערט די אורזאכן וואס האבן מיר אריינגעפירט אין דעם יעצטיגן מצב. פאר אלעס איז די צער און ווייטאג, נאכן כאפן די 'בלאטע' אין וואס מ'איז אריינגעפאלן און ווי קאמפליצירט ס'איז. דערביי ערוועקן זיך שטארקע געגועים נאך די גוטע צייטן ווען מ'איז געזעצן און געלערנט מיט התמדה און חשק, און צו די זעלבע צייט קומט ארויף א דאגה און זארג, ווער ווייסט אויב כ'וועל אמאל צוריקקומען צו מיין אמאליגע פלאץ, צו וועל איך זוכה זיין צו זיין ווי פריער.

יעצט, נאך די אלע געפילן, הייבט מען אן מאכן א חשבון הנפש, וואס זענען די אורזאכן וואס האבן מיר צוגעפירט צו דעם יעצטיגן מצב, און דערביי כאפט ער ווי ער האט מזלזל געווען אין די לימודים און וואו ער האט אריינגעלייגט זיין קאפ, וויפיל ער האט זיך ארומגעה'רג'עט מיט די אנדערע בחורים אין ישיבה, און אלע טשעפעקס און רייבערייען וואס ער האט אנגעדרייט אויף זיינע אומשולדיגע חברים

האבן אונז מגלה געווען (ירושלמי פ"א ה"א), אז "כל שלא נבנה בית המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו", דאס הייסט, מיר פארשטייען אז אונזערע מעשים האבן צוגעברענגט אז דער בית המקדש איז נאכנישט געווארן אויפגעבויעט, און דאס איז פונקט ווי ס'וואלט יעצט חרוב געווארן. ווי גלייך מיר וואלטן זוכה געווען צו בנין בית המקדש, אבער צוליב אונזערע מעשים איז עס חרוב געווארן רח"ל; איז דען דא א גרעסערע צער ווי דעם?

**אברהם יצחק:** כ'ווייס פון דעם חז"ל, אבער ס'מאכט מיר נאכנישט וויינען. אפשר ווייל כ'האב נישט קיין בילד פונדעם בית המקדש אין קאפ, און דערפאר שפירט איך נישט גענוג וואס ס'פעלט אונז...

## "וויאזוי דרייט מען צוריק דעם זייגער?"

**משפיע:** ביסט גערעכט, 'בית המקדש' און 'גילוי שכינה'

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

הארויזאנט - איז ער דא! ער שטייט און היט אויף אונז ווי א שווארץ-אפל פון אויג! ער מאכט זיכער, אז די גוים זאלן נישט קענען טון וואס זיי ווילן! ער מאכט זיכער, אז מיר זאלן האבן די כוחות און גלייבן אז ער איז מיט אונז א גאנצן צייט! ער האט אונז נישט איבערגעלאזט - אפילו ביים איבערלאזן!

**לקרב אל השכל:** דער מנהל ר' בנציון, איז טאקע ארויסגעגאנגען פון אפיס ביי די אסיפה און זיך געדרייט אינדרויסן. אבער נאכאלץ ווייסט דער גאנצער שטאב אז מען מוז זיך רעכענען מיטן מנהל און מען קען נישט איבערטרייבן מיטן שטראף. דאס הייסט, אז דער 'רוח' פונעם מנהל שוועבט דארט - אויך ווען ער איז נישט דארט. אדער א צווייטע דוגמא: אויב דער דאקטער קען נישט אליינס מאכן די אפעראציע פאר זיין בן יחיד - אויס רחמנות וואס ער קען נישט צוקוקן דעם קינד'ס צער, און ער וועט אפילו ארויסגיין פונעם צימער בשעת מעשה - וועט ער אבער מאכן זיכער אז דער אנדערער דאקטער וועלכער וועט שניידן, זאל נוצן די בעסטע טאקטיקן אויף צו פארמינערן די יסורים פונעם קינד - ווי ווייט מעגליך.

דער נמשל איז אין סוף מאל מער ווי יעדן משל וואס מען קען נאר זאגן, סיי ווייל די אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז איז 'אין סוף', און סיי ווייל די השגחה פונעם אויבערשטן אויף זיין בריאה איז 'בלי גבול', 'לית אתר פנוי מיניה'. און דעריבער קענען מיר זיך שפירן ארומגענומען מיטן אויבערשטן און מיט זיין אהבה - אפילו אין די ערגסטע רגעים בשעת ווען דער בית המקדש ברענט. "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע כי אתה עמדי".

- ער שפילט אלעס איבער אין קאפ און איז זיך מתבונן ווי נאריש ער איז געווען, און ווי ער האט נישט געכאפט וואס זיינע מעשים ברענגען אן...

## א קשר פון הכנעה

**אברהם יצחק:** וויאזוי ווערן די אלע מחשבות ארויסגעברענגט אין די קינות און מגילת איכה?

**משפיע:** 'ניתי ספר ונחזי', מגילת איכה איז פיל מיט ירמיה'ס ווערטער ווי ער שטעלט פאר דעם שרעקליכן חורבן, און ווי ער שטעלט פאר די מעשים רעים וואס האבן צוגעברענגט דעם חורבן, און ער עפנט די אידנ'ס אויגן אריינצוטראכטן ווי זיי אליינס האבן דאס צוגעברענגט. דאס אלעס בשעת'ן זיצן אויף די ערד, ברענגט אונז צו קלאגן אויפן חורבן און גלות השכינה, און די צרות פון אידן ביז היינטיגע צייטן. אויפכאפן ווי שיין און לעכטיג ס'וואלט געווען ווען מיר וואלטן געלעבט אין ירושלים הבנויה אין 'בית המלך', און וויפיל גוטס מיר האבן דערלייגט... אזוי ארום ווערט מען פול מיט געפילן פון חרטה, און מחשבות וויאזוי מ'קען זיך פארבעסערן און טרעפן א וועג וויאזוי זיך אומצוקערן צום אויבערשטן און זיין אזויווי אמאל...

**אברהם יצחק:** וואס לייגט צו דאס זיצן אויף די ערד? צדיקים האבן אפילו מפליג געווען, אז מ'קען דעמאלטס מתקן זיין נאך מער ווי אום שמחת תורה!

**משפיע:** זיצן אויף די ערד ברענגט ארויס ווי שטארק מ'דערהערט אז מ'איז אזוי טיף אריינגעפאלן אין גרוב. ס'ברענגט ארויס די הכנעה וואס מ'באקומט און ווי מ'איז מצדיק דעם דין אז סך הכל האבן מיר זיך אליינס דאס אלעס אנגעברענגט, און מ'איז משלים מיט די יסורים וואס אונז האבן געליטן, אזויווי ס'שטייט אין איכה, "צדיק הוא ה' כי פיהו מריתי". אט די הכנעה פעלט אויס צו קענען באנייען און ערוועקן אונזער אמאליגע אהבה מיטן אויבערשטן, ווייל ווען דער משגיח זעט ווי דער בחור קומט מיט א נכנע'דיגע הארץ, ערשט דעמאלטס ווערט ער וויליג צו צוגיין צו אים און זען אויב ער איז ערנסט צו טוישן זיינע וועגן, און אויב ער איז עכט גרייט צו זיין דאס וואס מ'ערווארטעט פון אים.

**אברהם יצחק:** אבער דאס געבט נאכנישט צו פארשטיין, ווי אינמיטן אזא טאג פון אבילות געבט מען זיך פלוצלונג א שטעל אויף פון די ערד, און מ'זאגט 'נחם' ביי מנחה...

**משפיע:** ווייל יעצט, מכח אונזער געוויין האבן מיר באנייט דעם קשר, און די הכנעה וואס מיר האבן ארויסגעוויזן מיט די זאכן וואס מיר טוען במשך דעם טאג - טוען צוריק אויפשטעלן די ליבשאפט און צוטרוי און דעם קשר נצחי מיטן אויבערשטן, און דאס ברענגט אונז אפצולאזן אונזער קשר מיט אלע הבלי עולם הזה. ס'בלאזט אונז אריין א חיות און געפיל פון האפענונג, ווען מיר פארשטייען אז נאר דורכדעם האבן מיר נאך א האפענונג זיך צו ריכטיג אומקערן צום אויבערשטן. דעריבער האבן צדיקים געזאגט, אז דאס ווארט 'קינות' אליינס איז די אותיות 'תיקון', ווייל זיי זענען אונז מתקן פונדאסניי, זיי ברענגען אונז אן 'אור חדש על ציון תאיר', במהרה בימינו אמן.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**דער וויינען בזמן החורבן, ברענגט ארויס תשוקה און חיבור אזוי ווי זינגען אין טענץ בזמן הבית.**

הרה"ק ה'שפת אמת' זי"ע (הוסד"ם)

# אמונה בלויז מיט א קוק

פון די ערשטע מינוט וואס דער מענטש האט זיך באוויזן ביים טיר, האט דער גבאי רבי ישראל שרייבער באמערקט, אז עפעס נישט אין ארדענונג מיט אים.

די חסיד'ישע מלבושים וואס האבן ארומגעוויקלט זיין מאגערן קערפער, זענען געווען אפגענוצט און דורכגענעצט מיט שווייס, און זיי האבן זיך גוט צוזאמגעפארט מיט זיין פארטרויען געזיכט, וואס האט אויסגעדריקט אן א שיעור צער און פיין, פארנעפלט מיט טונקעלע, פארצווייפלטע וואלקענעס. ער איז געשטאנען מיט פלייצעס עטוואס מער אויפגעשטעלט ווי געווענליך, וואס האט נישט עפעס עקסטער געשטימט מיט זיין איבריגע געשטאלט. ער האט אים געפרעגט אויב ער קען אריינגיין צום רבי'ן.

"איך קום זיך נישט פראווענען, כ'וויל נאר עפעס רעדן מיטן רבי'ן", האט ער געזאגט פארן גבאי, מ'האט געקענט באמערקן א פונק פון גיאות אין זיינע אויגן, זאגנדיג די לעצטע ווערטער.

דער רבי, הרה"ק רבי ישראל פון הוסיאטין זי"ע, וואס איז דעמאלטס געווען אויף אפרוה אין ירושלים עיה"ק, איז געזעצן אין גארטן הינטערן הויז, און האט געלערנט. דער גבאי האט נישט געהאט קיין חשק צו לאזן דעם פרעמדן זאל שטערן דעם רבי'ן. "אפשר קענסטו קומען אביסל שפעטער?" האט ער פרובירט פארשלאגן.

דער איד האט זיך איינגע'עקשנ'ט: "ניין, ניין. כ'בין ספעציעל אהערגעקומען פון 'תל אביב', קוק ווי איך כ'בין אינגאנצן פארשוויצט פון די שווערע וועג, דו מוזט מיר אריינלאזן".

דער גבאי האט רחמנות געהאט אויף אים, ער איז אריינגעגאנגען בעטן רשות פון רבי'ן, אויב ער קען אריינלאזן דעם איד וואס איז אהערגעקומען פון תל אביב. ווען דער ענטפער איז געווען יא, האט ער אים אריינגעלאזט אין הויז און צוגעוויזן דעם וועג ביזן גארטן, אוואו דער צדיק איז געזעצן אין ווינקל ביים שטענדער און געלערנט.

דער משב"ק איז אים נאכגעגאנגען, און ווי נאר ביידע זענען אריינגעקומען אין גארטן אנטקעגן איבער דעם צדיק, האט דער גבאי באמערקט ווי דער מענטש הייבט אן טרייסלען פון פחד, און ער איז צוגעגאנגען מיט ציטערדיגע פיס די לעצטע פאר טריט ביז וואו דער צדיק איז געזעצן.

דער רבי הייבט אויף זיינע הייליגע אויגן, און קוקט דורך דעם איד פון קאפ ביז פיס מיט א דורכדרינגליכע בליק, בשעת דער איד טרייסלט ווי א בלעטל און קען נישט עפענען דאס מויל.

"איר קומט פון תל אביב?" הייבט דער צדיק אליינס אן, אויף וואס דער איד שאקלט צו מיטן קאפ אויף 'יא'. און דעמאלטס האט דער צדיק צוריקגעשטעלט זיין בליק אויף אים, און אים ווידער איבערגעבליקט פון קאפ ביז פיס, פאר אפאר סעקונדעס, בשעת דער איד שטייט שטום און רעדט נישט קיין ווארט.

"איר ווילט עפעס פרעגן?" פרעגט דער צדיק נאכאמאל, רואיגערהייט, אויף וואס דער איד שאקלט מיטן קאפ אויף 'ניין'.

דער צדיק בייגט צוריק איין זיין קאפ צום ספר, און דער איד טרעט צוריק צום טיר, באגלייט דורך דעם שאקירטן גבאי.

מ'האט קלאר געקענט דערקענען, אז עפעס דראמאטיש איז נארוואס אריבער אויף דעם איד, ער האט אויסגעקוקט ווי איינער, וואס האט אפגעלאדנט א רייע פון שווערע שטיינער פון זיין הארץ. זיינע פלייצעס זענען שוין נישט געווען אזוי שטאלץ אויפגעשטעלט, און פיל קנייטשן פון זיין שטערן זענען אראפ.

"זיי מצליח", האט דער איד אנגעוואונטשן דעם גבאי'ן, ר' ישראל, און איז ארויסגעלאפן, ווארשיינליך צו די באס-סטאנציע, איבערלאזנדיג דעם גבאי מיט אן אומגעלעזטע רעטעניש.

דרייסיג יאר האט רבי ישראל שרייבער געהאלטן די וואונדערליכע מחזה א סוד ביי זיך אין הארץ, צווישן די פילע אנדערע דברים נפלאים וואס זיינע אויגן האבן כסדר געזען ביי זיין הייליגן רבי'ן. און דעמאלטס, אינמיטן א שמועס מיט זיין פריינד, רבי אברהם לודמיר, א באיאנער חסיד, האט אים ר' אברהם אנגעהויבן דערציילן א סיפור אויף זיין רבי פון הוסיאטין:

"א איד, א חסיד פונעם בעלזער רב זי"ע האט מיר דערציילט אויף זיך, אז ער איז דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנום אויף זיין אייגענע הויט בשעת די וועלט מלחמה, אויף א פארנעם וואס איז שווער ארויפצולייגן אויפן שכל, און ווען ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל נאך די מלחמה, האט עס אים נישט געלאזט זיך צוזאמצוקלויבן.

"ער האט ווייטער מקיים געווען תורה און מצוות, אבער אין זיין פארביטערטע הארץ האט אים געקרענקט שווערע קשיות אויף די אמונה אין השגחת ה', און אויף די אהבה וואס השי"ת האט צו זיין פאלק, נאכדעם וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט אלעס וואס ער האט בייגעוואוינט, רח"ל. די קשיות האט אים פארביטערט דאס לעבן, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון דערוועגן".

און ר' אברהם האט ווייטער דערציילט:

"זייענדיג א בעלזער חסיד נאך פונדערהיים, איז ער עטליכע מאל צוגעגאנגען צום הייליגן בעלזער רב זי"ע, און פארגעלייגט אלעס וואס ס'קרענקט אים. אבער ווי באקאנט, דער בעלזער רב וועלכער האט אליינס פארלוירן זיין גאנצע משפחה ביים קריג, האט זיך געמאכט א גדר קיינמאל נישט אריינצוגיין אין קיין רעדע איבער סיי וואס ס'איז געשען אין יענע פינסטערע צייטן, און דערפאר, יעדעס מאל דער איד האט אים דערמאנט די געשעענישן ביים קריג, האט זיך דער רב נישט באצויגן צו זיינע שאלות און אים געזעגנט מיט א ברכת קודש.

"איינמאל איז אים געווארן פארביטערט ביזן טויט, און ער האט באשלאסן אז ער גייט איין לעצטע מאל פרעגן דעם בעלזער רב זיינע אלע קשיות, און אויב ער וועט באקומען אן ענטפער איז גוט, און אויב נישט, וועט ער ח"ו אינגאנצן אפלאזן די אמונה און דאס אידישע לעבן, רח"ל. און אזוי, איז ער יענעם טאג אריין צום צדיק פון בעלזא.

"ווי נאר ער איז אריינגעקומען צום רב און פארגעלייגט זיינע שאלות, האט אים דער רב געענטפערט: 'גיי צום הוסיאטינער רבי'.

"ער איז גלייך צוגעגאנגען צום וואוינ-ארט פון צדיק, וואו מ'האט אים אנגעוויזן צו פארן קיין ירושלים ווי דער רבי ווײלט אויף אפרוה. ער איז דאן אריינגעקומען צום צדיק און זיך געשטעלט פאר אים, דער רבי האט אים נישט געזאגט קיין ווארט, נאר אים אנגעקוקט פון קאפ ביז פיס, און אים געפרעגט: 'איר קומט פון תל אביב?'

"אין יענע מינוט - דערציילט מיר יענער איד - האט דער צדיק אוועקגענומען זיינע אלע קשיות און ספיקות, ווי גלייך מ'נעמט אראפ די שטאפער פון א פלעשל, זיין הארץ און מח זענען מיטאמל ריין געווארן, און ס'האבן אים מער נישט געצאפט זיינע אלע פריערדיגע קשיות.

"דער צדיק האט אים דאן נאכאמאל געפרעגט: "איר האט וואס צו פרעגן?" אבער דעמאלטס האט ער מער נישט געהאט קיין קושיות. און אזוי איז ער ארויס פונעם צדיק'ס הויז, ממש ווי אן אנדערער מענטש, און ער האט אנגעהויבן זיין תורה'דיגער לעבן פונדאסניי, און מיט א פולשטענדיגע אמונה טהורה ופשוטה".

"יא, ס'איז טאקע אזוי געווען", האט ר' ישראל געענטפערט, איבערראשט, "איך אליינס בין דער צווייטער עד אויף די מעשה. כ'בין דארט געווען בשעת ס'האט פאסירט, און יעצט איז מיין רעטעניש פון די לעצטע דרייסיג יאר ענדליך געלעזט געווארן, הערנדיג יעצט וואס דארט איז פארגעגאנגען".

"ווי גרויס איז די כח פון א צדיק, צו משפיע זיין אמונה טהורה אפילו מיט א קוק אויף א איד", האבן ר' ישראל און ר' אברהם צוזאמען אויסגעפירט מיט התרגשות.

מקור: הרה"צ ר' אליעזר דוד פרידמאן זצ"ל, וואס האט עס אליין געערט פון רבי אברהם לודמיר ז"ל

# סדר עבודה פון תשעה באב

## וואס איז תשעה באב: א צייט פון אבילות, אדער פון דביקות בה'? תשעה באב הלכה למעשה

### שאלה:

ס'קומט שוין תשעה באב, כ'בין אביסל צוטאמלט, איז עס א טאג פון אבילות, אדער ווי ס'שטייט אין ספרים גאר א זמן פון 'יחוד', וויאזוי קען עס גיין צוזאמען, און וויאזוי דארף ווערן געפראוועט דער סדר היום פון אזא טאג?

### תשובה:

## די נקודה פון תשעה באב

דער פינטל פון תשעה באב אין איין זאץ איז: **"קשר פנימי מיטן אויבערשטן".**

ווי חז"ל זאגן **"לא היה יום מועד לישראל כיום שנחרב בית המקדש"** (מובא בפרשת דרכים ובאוהב ישראל), 'מועד' ווי דער לשון "ונועדתי אתך" מיינט א באשטימטע זמן פון זיך פאראייניגן, תשעה באב איז לויט דעם נישט אנדערש ווי אלע מועדים וזמנים, א באשטימטע צייט זיך צו טרעפן און זיך מדבק זיין מיט השי"ת.

**אוודאי איז א גרויסער חילוק צווישן תשעה באב און אלע ימים טובים.** וואס דארט דרוקט זיך עס אויס אויך בחיצוניות מיט תענוג און ליכטיגקייט וואס העלפן זיך דערהייבן און זיך טרעפן מיט השי"ת. תשעה באב איז ממש פארקערט. אלעס איז אזוי וואכעדיג, טונקל, טרויעריג, כמעט מרה שחורה, מען לערנט נישט, מען דאוונט קוים, ח"ו צו טאנצן און זינגען, בקיצור, ס'ברענגט נישט קיין דערהויבנקייט.

אבער פונקט דא ליגט די נקודה פון תשעה באב. ס'איז טאקע שווערער זיך צו מתחבר זיין. אבער ווען דו שלאגסט זיך מיט די חיצוניות און דו ביסט זיך יא מחבר מיטן אויבערשטן, איז עס אסאך **פנימיות'דיגער!** ווען דו ביסט דארט ביסטו דארט באמת. אזוי ווי דער אמת'ער מתמיד וואס איז מקושר צו תורה, איז דוקא דער וואס לערנט צווישן אסאך שטערונגען, אבער אים קען מען נישט אפרייסן, ער איז באהאפטן.

דער תשעה באב זאגט אונז: אנטלויף נישט! איך האב א פנימיות, קום אהין דערין!

## פארוואס וויינט מען?

עס איז פשוט אז דער געוויין האט א פנימיות, עס איז **נישט פון עצבות** וואס איז קליפה! (פרי הארץ, מטות).

וואס יא? דער בארדיטשובער רב זי"ע (קדושת לוי, אבות) רופט עס אן **א געוויין פון בענקשאפט.** און רבי מענדעלע וויטעבסקער ווי אויך דער בעל התניא זי"ע (פרי הארץ הנ"ל, סידור בעה"ת הערה לתיקון חצות) דריקן זיך אויס אז ס'איז **א געוויין פון תשובה.** דער צד השווה פוןביידע איז, אז זיי פירן נתקרב צו ווערן צום אויבערשטן.

דער געוויין פון בענקשאפט איז: איך בין דאך מיטן אויבערשטן איינס. איך שפיר אים, איך געהער צו אים, און ער איז מיין גאנצע מציאות. מיין גאנצע אמת איז מיין דביקות אין אים. איי, פארוואס פארגעס איך דאס? פארוואס געלונגט מיר נישט צו לעבן אזוי טאג טעגליך?! **דאס שטאמט פונעם חורבן, דעריבער וויינט זיך פון בענקשאפט צום בית המקדש, צו גאולה, וואס דאס איז בעצם געגועים צו מגלה זיין דעם קשר מיט השי"ת.**

כאטש ס'שטייט אין חז"ל "כל מקום שגלו גלתה שכינה עמהם", איז עס פארט אין א צורה פון גלות. אוודאי זענען מיר מקושר מיט השי"ת, אבער אויף א באהאלטענער אופן. ענליך צו א טאטע און קינד וועלכע זענען פארמישט אין א קאר-עקסידענט,ביידע ליגן פארוואונדעט אונטער א הויפן ברוכווארג, זיי זענען מקושר איינער צום צווייטן פונקט ווי אלעמאל, אבער די קשר קען זיך נישט אויסדריקן.

ווען וועלט איז וועלט וואלטן מיר באלעבט דעם קשר בהתגלות, אבער אונזער יעצטיגע מצב ערלויבט עס נישט. ווען מ'כאפט דאס, הייבט אן ברענען א רצון צו זען אנדערע צייטן! **אזויווי** יענער פארוואונדעטער קינד וועלכער בענקט זיך ביז טרערן זיך צו פאראייניגן מיט זיין פאטער אין בעסערע אומשטענדן.

אינמיטן וויינען דערמאנט זיך דאס קינד, אז ער איז פאראנטווארטליך אויף זיין פאטער'ס מצב, ער האט אנגעדרייט דעם עקסידענט. אויך מיר האבן מיט אונזערע עבירות אנגעברענגט בידיים דעם חורבן! דערביי ברעכט דאס קינד אויס אין א פרישע **געוויין פון תשובה.** תשעה באב ווען מ'זיצט אויף די ערד, טוט מען תשובה פארן אויבערשטן מיט א בענקעניש זיך צו פאראייניגן מיט אים.

**וואס מיינט תשובה?** מ'איז מודה: כ'האב מצער געווען די שכינה, אבער כ'האב טיף חרטה, כ'וויל עס נישט, טיף אין הארצן וויל איך באמת נאר לעבן מיטן אויבערשטן.

## סדר היום למעשה

**לאמיר איבערגיין די פרטי עבודת היום לויט די אויבנדערמאנטע יסודות.**

**ערב תשעה באב:** דער חתם סופר שרייבט אז די סיבה פארוואס מ'טאר נישט לערנען ערב תשעה באב איז ווייל מ'קען נישט אריינפאלן אין א מצב פון אבילות, מ'דארף 'אריינגיין' דערין. ערב תשעה באב איז א צייט זיך אנצוגרייטן צו תשעה באב, דורכ'ן אריינטראכטן אין אונזער מצב און די מהות היום. לערנען 'איכה' אדער קינות מיט מפרשים, נ"ך אדער פיוטים אויפן חורבן איז א ריכטיגער מיטל זיך צו מתחבר זיין צום פנימיות היום.

**סעודת המפסקת:** וויאזוי קוקט אויס ווען מ'האט נישט קיין קשר מיט השי"ת ח"ו? מ'זיצט עלנד אויף די ערד מיט אש - געגנוי דאס וואס מ'טוט אצינד. מ'קען אנהייבן טראכטן און שפירן א השתוקקות צום אויבערשטן, טראכטן אויפן אייגענעם גלות, און דער גלות פון כלל ישראל דער גלות למטה און למעלה, וואס הייסט 'חורבן', וואס הייסט 'הסתר', דער כח וואס כלל ישראל האט צו טוישן דעם מצב. יעצט איז די צייט אויפצואוויקלען אזעלכע סארט מחשבות.

**מעריב:** פונקט ווי ביי יעדן מועד, ליגט דער עיקר מהות היום פון תשעה באב אין די תפילות, און וויבאלד דער קשר פון וואס מ'רעדט איז בעיקר אין א אידנ'ס הארץ, "בלבבי משכן אבנה", איז נישטא קיין בעסערע געצייג צו ערוועקן א קשר מיט השי"ת אין הארץ, ווי תפילות באגלייט מיט געגועים און תשובה צו ה'.

**קינות:** אין די פיל קינות איז דא צוויי עניינים: **א.** תיבות התפילה ווערן אנגערופן אין ספרים הק' 'אבנים', זיי זענען ווי שטיינער פון בית המקדש, אותיות זענען כלים וואס זענען ממשיך אור ה' אין די בריאה. דאס עצם 'זאגן' בויט אויף דעם בית המקדש. **ב.** אויסער דעם דארף מען פרובירן פארשטיין וואס מ'זאגט, ווייל נאר אזוי קענען די קינות אויפטון זייער ציל: שאפן א בענקעניש און קשר פנימי צו השי"ת. דעריבער איז ראטזאם עס קודם דורכצולערנען. און לכל הפחות זיך אפגעבן מיט א טייל קינות קינות צו עס זאגן צושטאט מיט מח און הארץ.

**מ'טוט נישט אן קיין תפילין:** תפילין זענען ווי א צירונג מיט וואס כלל ישראל באריימט זיך מיטן אויבערשטן, ווי אויך די תפילין דמרא עלמא וואו השי"ת טוט זיך אויף מיט כלל ישראל, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. תשעה באב טוען מיר נישט אן קיין תפילין, וויבאלד זייענדיג אין גלות דריקט זיך נישט אויס דער 'התפארות' און קשר בגילוי. אויך זאגט עס אז דער קשר ווענדט זיך אין אונז, און דאס ברענגט שטארקע געגועים צום התחדשות הקשר.

**שחרית:** ווי געזאגט איז דער דאווענען דאס עיקר עבודה. מ'איז זיך מתבונן ביי אלע פסוקים וואס רעדן פון קירבת ה', ירושלים און תשובה - וואו די מהות היום דריקט זיך אויס, און דארט איז דער פלאץ צו פראווען דעם פנימיות פון תשעה באב.

**קריאת התורה:** דער ענין פון תשעה באב - קשר פון אידן צו השי"ת דורכ'ן משיג זיין יחוד ה' - ליגט אין די מורא'דיגע קריאה פון יחוד ה' "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו" וואס מ'ליינט תשעה באב. ווי באקאנט פון צדיקים, אז תשעה באב, ווען די כרובים זענען געווען פנים בפנים, איז מרמז און פארבונדן מיט שמיני עצרת וואס איז דער גרעסטער זמן פון יחוד, זייענדיג כ"א יום נאך י"ז תמוז - די זעלבע צאל טעג ווי צווישן ראש השנה און שמיני עצרת. ווען מ'ליינט עס ארויס פון די תורה הק' וואס איז דבר ה', ווערט נתגלה דער יחוד.

**חצות - ציפיה לישועה:** ווי באקאנט, פון חצות פאנגט זיך אן א זמן פון נחמה און גאולה, ס'איז די צייט צו לערנען און באלעבן ענינים פון נחמה און גאולה, צ.ב. ספר 'שומר אמונים' מאמר הגאולה, 'תקוות הגאולה' און 'נצח ישראל' פון מהר"ל, און נאך פיל. מיטן עוסק זיין אין דעם ווערט גאולה מער א 'טאפעדיגע' זאך.

**אנטון תפילין ביי מנחה:** אין דעם זמן ווערט שוין צוריק א נייע התגלות הקשר, ס'הייבט זיך אן א התנוצצות הגאולה, נאך א חלק פון די בריאה איז נזדכך געווארן - מ'קען זיך שוין צוריק באריימען מיט השי"ת דורך די תפילין, עס איז נייע תפילין, מיט א טיפערע באדייט, נאכן ארויסברענגען דעם טיפן וויטאג פון נאך א יאר אין גלות, און דורכדעם ברענגען א שטארקערע תשוקה און א טיפערע קשר וואס באלייכט דעם טיפן גלות, און גרייט עס אן פאר די גרויסע התגלות, 'יתרון האור מתוך החושך'.

**תפילת נחם:** דער גאנצער תשעה באב ברענגט זיך ארויס אין די ברכה, יעדעס ווארט דערפון שרייט געגועים פון ה' צו אידן און אידן צו השי"ת. השי"ת וויינט אויף אונז, און מיר וויינען אויף אים.

**מוצאי תשעה באב:** ביי קידוש לבנה זאגן מיר 'דוד מלך ישראל חי וקיים', מיר זענען זיכער אז די גאולה איז נאנט, מיר קוקן אויס אויף גילוי מלכות בית דוד און ביאת המשיח, במהרה בימינו אמן.

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483